י עטליכי יורן זיין ווארדן אין גילאגן * אירש מאן האבן זיא וועלן גיניטן * מיט שקריק
האבן זיא זיא ביזוגן * דא ניאנט ניקש האט דארום טאן וויסן * אך קיינש יהודי
קיין געלט צו געבן * קיין שוזר מאן קיינש קיינש זאל טאן ברענגן * צו שפייאר
וועלן זיא צו אן קלעבן * אנש משפט דארט וועלן זיא צו הענגן :

יא דיא זך האבן מיר אונז צו הערצן לאזן גאן * איין גרוש בישווערניש גיוועזט אונז אן *
דען אונזר געלט האבן מיר גיהט בלד פר טאן * פון דען חובות איז קיין אנדרש גיפאלן *
כלי בית האבן מיר פר קויפט צו גרושר גוט * ניט פיל האבן מיר גיטאן מיט גיירן * די
קינדר האבן אונז אן גיהייסן ברוט * איין זאך רחמנות איז ניט צו זיירן :

יב דיא עפירניס צום טייל זיין ניט גיבליבן * אין דער שטאט פרנקפורט דיא גיוועלטי *
זיא האבן גיזעהן דיא אומזיל דיא זיא האבן גיטריבן * צו גיט וואל אויז גאר זעלטי *
דיא דאקטורות אול שרייבר אך צום טייל * זיין אך אויש גיפלוגן * זיא גידאכטן צו
איז דא וועדר גליק נאך הייל * מיר וועלן צו ניט לענגר וואגן :

יג דיזי זכין זיין ווארדן פאר גיבראכט * זהקיסר יר"ה אונזרם זיבן הערן * האט
בריף מיט גיטיילט וואז בידאכט * אן דיא קומיטריא זיא זאלן אב ווערן * דיא
זכין צו הערן אול אורטל אויז שפרעכן * מיטליכם נאך זיינם פר דינשט צו לונן * אך
צו הייזן אונזרן גיברעכן * אול אין דער זכין ניאנט פר שונן :

יד דיא זכן האבן זיא טאן גרינדן * דיא קומטריא דיא פירשטן דיא פראון * איין
אורטייל האבן זיא טאן פר קינדן * אז וועלן צו פום הייזל אראב ווער קומן * דענוכט
האבן דיא אורדים ניט וועלן הערן * אול האבן גיטאן נאך אירם אלטן זיטין * ווער
אין דער דער אונז וויל ווערן * מיר האבן צו פון קיינם נאך גיליטן :

טו דיא בווהייט איזט ערשט ווארדן גרוש * אונז צו שטעהן אול צו שלאגן * דאז איזט
גיוועזט זונדר אונטר לוש * ניאנט האבן מירט קענן קלאגן * זיא האבן גיהערשט
איבר אונז מיט גנצר מכט * מיר זיין גישטנדן אין אייטל זארגן * צו מארגנש האבן
מיר גיווינשט צו ווער נכט * אול בייא נכט צו ווער מארגן :

טז שבועות שע"ד זיין מיר דער שרעקן זער * זארג אול אנגשט אונז האט ביפונדן * אן
האט גיזאגט דיא אורדים קומן דא הער * זיא האבן זיך עפיש אונטר וואונדן *
דיא פפארטן וועלן זיא אין שטוסן * אול וועלן שטורמן אונזר קהילה * זיבר גאט
טוא אונז ניט פר לאזן * זא איז גיוועזט מיארדאר אונזר תפילה :

יז השם יתברך האבן מיר פר טרויאט * דער האט זיא גימכט אב ווענדיג * דען
דער אויך זיין הייליגן נאמן בויט * דאז זעלביג איז בישטענדיג * מיר האבן
תשובה גיטאן מיט אלרלייא פיין * מיט פסטן אול פיל תורה * מיר האבן גימיינט
אכטן צו זיין * דיא גזירה אול דיא צרה :

יח קליינע קינדר אול ווייבר מיר גאר בלד * האבן פר שיקט אול טאן פר שטרייאן * דז
מן אן אינן זאל ברויכן קיין גיוואלט * שאנד אול זינד אן אינן גידייאן * אן אלי
פפארטן אונז ביוואכט אול אן גישפראכן * דז מיר קיין מאן זאלן אנויז פירן * אונזר
הערצן איז אונז שיר צו בראכן * דא מיר זולכש האבן טאן שפירן :

יט גאטש גינאד דיא האט קיין ענט * איז ניט קומן אויז אונזרם גידנקן * זיין הייליך
איז אין איינם אויגן בליק בהענט * קאן ער היילן דיא קראנקן * דיא קומטריא
זאלטן קומן ווידר * האבן מיר פון אידרמן זאגן * דאז פרייאטן זיך אלי אונזר
גלידר * אלז אך גישאך אין חדש אב טאגן :